בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ
אִידִישׁ

פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון צ'

פרשת ויחי
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם עֶרְשְׁטְן חֵלֶק פוּן אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת וַיֵּרָא שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל

פַארְן שִׁיעוּר הָאט דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: קוֹדֶם וֶועלְן מִיר זִינְגֶען אַ נִיגוּן לְכָבוֹד דִי מְלַמְּדִים, זֵיי זָאלְן וִויסְן זֵייעֶר חֲשִׁיבוּת; און דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזוּנְגֶען אַ נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: **"יְהִי רָצוֹן מִלִּפְנֵי אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם לְקַיֵּם בָּנוּ חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל. הֵם וּנְשֵׁיהֶם וּבְנֵיהֶם וּבְנוֹתֵיהֶם. וְתַלְמִידֵיהֶם וְתַלְמִידֵי תַלְמִידֵיהֶם. בְּכָל מְקוֹמוֹת מוֹשְׁבוֹתֵיהֶם. וְנֹאמַר אָמֵן"**. און דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם נִיגוּן זָאגְט מֶען אִינְדֶערְוָואכְן נָאךְ קְרִיאַת הַתּוֹרָה, מֶען בֶּעט דָארְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן הַצְלָחָה. נִישְׁט יֶעדֶער וֵוייסְט אָבֶּער וֶוער דִי 'חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל' זֶענֶען? - 'חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מְלַמְּדִים, מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, מַרְבִּיצֵי תּוֹרָה, און לֶערֶערִינְס, וָואס גֶעבְּן אִיבֶּער דִי תּוֹרָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

### עֶס דַארְף זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין כִּתָּה

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם הַשֵּׁם, מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע מְלַמְּדִים פוּן קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - אוּנְזֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שְׁטֶעטְל.

אִין אָנְהֵייבּ אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ קֶענֶען קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל אֵיין מָאל אַ וָואךְ און רֶעדְן צוּ מַיינֶע טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, אָבֶּער הֱיוֹת דִי אַרְבֶּעט וֶוערְט מֶער און מֶער, וֶועל אִיךְ עֶנְק אָנְגְרֵייטְן אַ שִׁיעוּר בַּיי מִיר אִין אָפִּיס, מֶען וֶועט רֶעקָארְדִירְן דֶעם שִׁיעוּר און עֶנְק גֶעבְּן צוּ הֶערְן, און אִיךְ הָאף אַז עֶטְץ וֶועטְס דָאס אוֹיסְהֶערְן און אָנְנֶעמֶען כְּאִילוּ אִיךְ בִּין מִיט עֶנְק.

אִיךְ גְרֵייט אָן דֶעם שִׁיעוּר פַאר דִי מְלַמְּדִים פוּן שְׁטֶעטְל, אָבֶּער אִיךְ הָאף אַז דִי אַנְדֶערֶע מְנַהֲלִים, פוּן יְרוּשָׁלַיִם און פוּן אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט, וֶועלְן אוֹיךְ הָאבְּן שֵׂכֶל צוּ צוּזַאמְרוּפְן דִי מְלַמְּדִים זֵיי גֶעבְּן צוּ הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר; און אִיבֶּעֶרָאל וואוּ עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים וָואס ווִילְן הֶערְן חִיזּוּק, זָאלְן אוֹיךְ הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר צוּ וִויסְן ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ כִּתָּה אוֹיף דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. און עֶס אִיז אוֹיךְ כְּדַאי דָאס צוּ גֶעבְּן צוּ הֶערְן פַאר דִי לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵיגָא.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועלְן מִיר יֶעדֶע וָואךְ פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן אֵיין שֵׁיינֶע נְקוּדָה וָואס אִיז וִויכְטִיג צוּ וִויסְן פַאר מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס, הַיינְט וֶועלְן מִיר רֶעדְן פוּן דֶעם עִנְיָן, פוּן אַרייַנְבְּרֶענְגֶען אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין כִּתָּה.

וֶוען אִיךְ פְלֶעג קוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, הָאט זִיךְ מִיר גֶעוָוארְפְן הֶענְט און פִיס פַאר פַּחַד. אִיךְ הָאבּ אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט מוֹהֲרָא"שׁ, און אַזוֹי מוֹרָא גֶעהַאט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ קֶען עֶס עֶנְק נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין. פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר זָאגְן זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג: **"אַז דוּ וֶועסְט אַרוּמְגֵיין מִיט אַזַא שְׁטְרֶענְגֶע פָּנִים, און אַזַא פַּחַד אוֹיף דַיין פָּנִים, וֶועלְן דִי בָּחוּרִים מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִיר, און זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אָנְנֶעמֶען וָואס דוּ זָאגְסְט; זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין יְשִׁיבָה!"**

עֶס דַארְף זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין כִּתָּה.

אַז עֶס אִיז דָא אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין כִּתָּה, וֶועלְן דִי קִינְדֶער לִיבּ הָאבְּן דִי לִימוּדִים וָואס מֶען לֶערְנְט, דִי קִינְדֶער וֶועלְן לִיבּ הָאבְּן דִי חוּמָשׁ, דִי גְמָרָא, דִי תְּהִלִּים, דִי סִידוּר, און זֵיי וֶועלְן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער

### פְרֵיילִיךְ אָבֶּער מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ

אַ 'פְרֵיילִיכֶע לוּפְט' מֵיינְט נִישְׁט אַז קִינְדֶער קֶענֶען קְרִיכְן אוֹיפְן טִישׁ און קִינְדֶער קֶענֶען צִיעֶן דֶעם מְלַמֵּדְ'ס בָּארְד, וַוייל דָאס מֵיינְט 'צֶעלָאזְט', דָאס מֵיינְט 'הוֹלְלוּת', דָאס מֵיינְט 'עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אִין כִּתָּה'.

'דֶרֶךְ אֶרֶץ' מוּז זַיין; וֶוען אַ מְלַמֵּד אָדֶער אַ לֶערֶערִין קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה, דַארְפְן זִיךְ אַלֶע קִינְדֶער אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

עֶס אִיז כְּדַאי אַז יֶעדֶע כִּתָּה זָאל הָאבְּן אַ פֶענְסְטֶער אוֹיפְן טִיר, און אַזוֹי הָאבְּן מִיר טַאקֶע אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי אוּנְז אִין אַלֶע כִּיתּוֹת. עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן מוֹרָא אַז מֶען וֶועט אַרַיינְקוּקְן אִין זֵייעֶר כִּתָּה, דֶערְפַאר קְלֶעבְּן זֵיי אַרוֹיף אַ צֶעטְל אוֹיפְן טִיר, אִיךְ בֶּעט עֶנְק - טוּט דָאס נִישְׁט; פַארְשְׁטֶעל נִישְׁט דֶעם פֶענְסְטֶערְ'ל, 'אָבֶּער דִי קִינְדֶער קוּקְן אַרוֹיס', עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, מִיר הָאבְּן אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעקוּקְט פוּן דִי פֶענְסְטֶער.

מִיטְ'ן לָאזְן אָפְן דֶעם פֶענְסְטֶער אִיז גוּט אִין אַלֶע בְּחִינוֹת, סֵיי פָּשׁוּט - פַאר 'זִיכֶערְהֵייט', מֶען קֶען זִיךְ דוּרְכְדֶעם אַיינְשְׁפָּארְן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוֹיבּ אַ אִינְגְל וֶועט וֶועלְן עֶפֶּעס טוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז וֶוער עֶס גֵייט אַרִיבֶּער קֶען זֶען וָואס עֶר טוּט אִין כִּתָּה, און אוֹיךְ אַז דֶער מְנַהֵל און מְנַהֶלֶת זָאלְן קֶענֶען זֶען וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין חֵדֶר. און אַז אַ טַאטֶע וֶועט קוּמֶען און אַרַיינְקוּקְן אִין כִּתָּה, וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן.

יֶעצְט, אַז דִי פֶענְסְטֶער אִיז אָפְן, דַארְף דֶער מְלַמֵּד שְׁטֵיין בַּיים פֶענְסְטֶערְ'ל און

זִיכֶער מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער ווייסְן אַז עֶר שְׁטֵייט אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, ווען דִי קִינְדֶער בַּאמֶערְקְן דֶעם מְלַמֵּד דַארְפְן זֵיי זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן אוֹיפְן פְּלַאץ, דֶער מְלַמֵּד עֶפְנְט אוֹיף דֶעם טִיר אוּן בְּלֵייבְּט שְׁטֵיין, אוּן אַלֶע קִינְדֶער שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף, דֶערְנָאךְ זָאגְט דֶער מְלַמֵּד: **"אַלֶע קִינְדֶער זֶעצְן זִיךְ אַרָאפּ, נֶעמְט אַרוֹיס דִי סֵפֶר וָואס מֶען גֵייט יֶעצְט נִיצְן".**

## נִישְׁט וַוארְפְן קֵיין פַּחַד

עֶס מוּז טַאקֶע זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מוּז זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין כִּתָּה, אַז עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ אִין כִּתָּה גֵייעֶן דִי ווערְטֶער אַרַיין אִין הָארֶץ, אוּן אַז עֶס אִיז דָא שְׁרֶעק גֵייט גָארְנִישְׁט אַרַיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִין ז.): **"לְעוֹלָם אַל יַטִּיל אָדָם אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ"**, אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וַוארְפְן קֵיין פַּחַד אִין שְׁטוּב, וַוייל עֶס קֶען אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם גְרוֹיסֶע מִכְשׁוֹלוֹת, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִין כִּתָּה, עֶס מוּז זַיין פְּרֵיילִיךְ, מֶען דַארְף קֶענֶען זָאגְן אַ ווערְטְל, גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל, אוּן אַ גוּט וָוארְט.

## מֶען אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען נֶעמֶען כָּבוֹד פוּן דִי קִינְדֶער

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל נִישְׁט פַארְלִירְן קֵיין אֵיין קִינְד מֶען זָאל פַאר יֶעדְן גֶעבְּן גוּטֶע ווערְטֶער.

עֶס אִיז דָא אַ נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אַז מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ אוֹיס אַפָּאר קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נוֹשֵׂא חֵן גֶעוֶוען אִין מַיינֶע אוֹיגְן, אוּן נָאר זֵיי גֶעבְּט מֶען גוּטֶע ווערְטֶער.

פַארְוָואס פִּינְקְט זֵיי? עֶס קֶען זַיין אַז דִי פָּאר קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּנֶעם מְלַמֵּד, דֶערְפַאר פָאלְגְן זֵיי גְלַייךְ אוֹיס יֶעדְעס וָוארְט וָואס דֶער מְלַמֵּד זָאגְט, הָאט זֵיי דֶער מְלַמֵּד לִיבּ וַוייל 'זֵיי זֶענֶען מַיינֶע קְנֶעכְט', דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקַבֵּל מָרוּת 'דַארְפְן מִיךְ דָאךְ נִישְׁט', 'זֵיי זֶענֶען מִיךְ דָאךְ נִישְׁט גוֹרֵס'.

דֶער מְלַמֵּד מַאכְט זִיךְ גַאנְצֶעטֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת: 'וֶועלְכֶע קִינְדֶער דַארְף מִיךְ יָא אוּן וֶועלְכֶע קִינְדֶער דַארְפְן מִיךְ נִישְׁט', 'דוּ דַארְפְסְט מִיךְ יָא, אָדֶער דוּ דַארְפְסְט מִיךְ נִישְׁט'; 'דוּ בִּיסְט מִיךְ יָא גוֹרֵס, אָדֶער דוּ בִּיסְט מִיךְ נִישְׁט גוֹרֵס'; דוּ ווִילְסְט יָא הֶערְן וָואס אִיךְ זָאג, אָדֶער דוּ ווִילְסְט נִישְׁט הֶערְן וָואס אִיךְ זָאג', אֵיי, דוּ בִּיסְט דָאךְ שׁוֹין פֶערְצִיג יָאר אוּן דֶער קִינְד אִיז נָאךְ זִיבְּן יָאר, אַ פֶערְצִיג יֶערִיגֶער מְלַמֵּד זָאל זִיךְ אַרוּמְקְרִיגְן אוּן זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ זִיבְּן יֶערִיגֶער קִינְד?!

מֶען אִיז נִישְׁט דָא גֶעקוּמֶען נֶעמֶען כָּבוֹד; אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד אַז יֶעדֶער זָאל זִיךְ בֵּייגְן פַאר מִיר אוּן זִיךְ בּוּקְן פַאר מִיר, מֶען דַארְף הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר מִיר; ווען אַ מְלַמֵּד רֶעדְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן, ווען אַ לֶערֶערִין רֶעדְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן, - אָבֶּער קֵיינֶער מוּז מִיךְ נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן, קֵיינֶער מוּז נִישְׁט ווערְן מַיין חָסִיד, אוּן קֵיינֶער מוּז נִישְׁט ווערְן מַיין קְנֶעכְט, אוּן אַז אִיךְ פְּרוּבִּיר אָנְצוּדְרֵייעֶן דִי קִינְדֶער מִיט אַ פְּרָאגְרַאם אוּן גֶעווִיסֶע קִינְדֶער מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג, דֶער פְּרָאגְרַאם אַרְבֶּעט נִישְׁט מִיט זֵיי, אִיז גָארְנִישְׁט, נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ.

זֶע אֵיין זַאךְ, דִי כִּתָּה זָאל פָּארְן, גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי כִּתָּה, עֶס זָאל זַיין שְׁטִיל ווען מֶען לֶערְנְט פָּאר, מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְרֶעדְן אָן רְשׁוּת, אוּן ווִיפִיל מֶען הָאלְט מִיט - הָאלְט מֶען מִיט. אוּן אַז מֶען הָאלְט נִישְׁט מִיט - ווֶעל אִיךְ דִיר שְׁטִילֶערְהֵייט זָאגְן אַז עֶס אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט זַיין ווִי אַ צְווֵייטְן, אַ מְלַמֵּד דַארְף פְּרוּבִּירְן אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן יֶעדְן קִינְד דָאס מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם קִינְד.

## יֶעדֶער קִינְד דַארְף בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען יֶעדֶער קִינְד זָאל בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט אוּן אַ גְלֶעט.

אַז דוּ מֵיינְסְט 'דֶער אוּן דֶער קִינְד דַארְף נִישְׁט קֵיין גוּטֶע ווערְטֶער', זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס ווַייזְן נִישְׁט אַרוֹיס ווִי שְׁטַארְק זֵיי דַארְפְן עֶס, אָבֶּער אַלֶע קִינְדֶער דַארְפְן אַ גוּט וָוארְט אוּן אַ גְלֶעט.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק אַלֶע מַיינֶע טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, דֶער מְנַהֵל אוּן אַלֶע וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, דֶער בָּאס דְרֵייוֶוער אוּן דֶער מֶענֶעדְזְשֶׁער, אַלֶע צוּזַאמֶען הַכֹּל בַּכֹּל מִכֹּל כֹּל: קִינְדֶער דַארְפְן בַּאקוּמֶען אַ שְׁמֵייכְל! קִינְדֶער דַארְפְן בַּאקוּמֶען אַ גוּט וָוארְט! קִינְדֶער דַארְפְן בַּאקוּמֶען אַן אָנֶערְקֶענוּנְג, מֶען זָאל זֵיי זָאגְן: **"וָואוּ! פִּירְסְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹי שֵׁיין", "וָואוּ! דוּ דַאוְוענְסְט אַזוֹי שֵׁיין", "וָואוּ! דוּ עֶסְט אַזוֹי שֵׁיין", "וָואוּ! דוּ קוּשְׁסְט דִי מְזוּזָה", "וָואוּ! דוּ וַואשְׁט זִיךְ דַיינֶע הֶענְט", "וָואוּ! דוּ הֶעלְפְסְט אִין כִּתָּה"**, אַ גוּט וָוארְט אִיז אוֹיל פַארְן מֹחַ, דָאס מַאכְט גֶעזוּנְט דֶעם מֹחַ.

עֶס אִיז לֹא יִמָּלֵט, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין, מֶען זָאל נִישְׁט זֶען עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ אוֹיף אַ קִינְד, עֶפֶּעס גוּטְס מוּז זַיין אִין יֶעדְן קִינְד! אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט זֶען קֵיין שׁוּם גוּטְס אִין אַ קִינְד, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם.

## אַ פְּרִיוַואטֶע סַכְסוּךְ מִיט אַ קִינְד

אִיךְ הָאבּ אַ מַעֲשֶׂה וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַ טָאכְטֶער פוּן אֵיינֶע פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ עֶס שׁוֹין זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל דֶערְצֵיילְט, אוּן אִיךְ ווִעל עֶס נָאכְאַמָאל אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן. ווען זִי אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד הָאט זִי זִיךְ עֶפֶּעס פַארְאַמְפֶּערְט מִיט אַ לֶערֶערִין אִין דִי עֶלְטֶערֶע כִּיתּוֹת, עֶס אִיז מַמָּשׁ גֶעוֶוען 'קַאץ אוּן מַייז', ווען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי אֲסִיפַת הַהוֹרִים (פֵּי טִי עֵי) הָאט זִי גֶעצִיטֶערְט וָואס ווֶעט דָא זַיין, ווַייל זִי הָאט גֶעווּאוּסְט אַז דִי לֶערֶערִין הָאט מִיךְ נִישְׁט לִיבּ, אוּן זִי קוּמְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם פוּן אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבּ מִיט שְׁטְרֶענְגֶע עֶלְטֶערְן וָואס מֶען נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט אָן יֶעדֶע זַאךְ פַאר דִי קִינְדֶער, זִי הָאט גֶעווּאוּסְט אַז ווען אִיר מַאמֶע גֵייט אַהֵיימְקוּמֶען פוּן דִי אֲסִיפַת הַהוֹרִים ווֶעט זִי אִיר זִיכֶער אַפִּיר נֶעמֶען ווֶעגְן דָאס שְׁלֶעכְטְס וָואס דִי לֶערֶערִין ווֶעט זָאגְן אוֹיף אִיר.

לְמַעֲשֶׂה אִיז דִי מַאמֶע אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט, דִי מֵיידְל פְרֶעגְט אִיר: **"וָואס אִיז גֶעשֶׁעְן?"** זָאגְט דִי מַאמֶע: **"קוּק אַהֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דַיין לֶערֶערִין וָואס זִי זָאגְט אוֹיף דִיר, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן זֵייעֶר שְׁלֶעכְט אוֹיף דִיר, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעפְרֶעגְט צִי זִי זֶעט כָּאטְשֶׁיג אֵיין גוּטֶע זַאךְ אוֹיף דִיר, הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט 'עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אֵיין גוּטֶע נְקוּדָה אִין אִיר', הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען אַז זִי הָאט אַ פְּרִיוַואטֶע סַכְסוּךְ מִיט דִיר, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אֱמֶת!"**

מֶען רֶעדְט דָא פוּן אַ שְׁטְרֶענְגֶע שְׁטוּבּ מִיט שְׁטַארְקֶע פְּרִינְצִיפְּן; אַז מֶען הָאט אֵיין נַאכְט נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיפְּעסְן דִי נַאכְטְמָאל, הָאט מֶען אַ גַאנְצֶע וָואךְ גֶעגֶעבְּן דֶעם עֶסְנְוַוארְג, אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ עֶסְן וָואס דִי מַאמֶע קָאכְט. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ אַז מֶען עֶסְט נִישְׁט אוֹיף וָואס דִי מַאמֶע גְרֵייט אָן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ אַז מֶען פָאלְגְט נִישְׁט, פוּן דֶעסְט ווֶעגְן אַז דִי לֶערֶערִין זָאגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ 'עֶקְס', זִי אִיז נָאר שְׁלֶעכְטְס, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא גוּטְס אִין אִיר, הָאט דִי מַאמֶע פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא אִיז דָא אַ סַכְסוּךְ; וְכָךְ הֲוָה עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ סַכְסוּךְ צְווִישְׁן דִי לֶערֶערִין אִינֶעם קִינְד.

## בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר הַצְלָחָה מִיט יֶעדְן קִינְד

מֶען מוּז טְרֶעפְן אִין יֶעדְן קִינְד עֶפֶּעס גוּטְס, פַאר דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין כִּתָּה זֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער**

# הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין מִיט דֶעם קִינְד".**

## אַן אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְטֶע טְרִיק

אַסַאךְ מָאל וֶוען אַ מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ מִיט אַ קִינְד אִיז עֶס בְּלוֹיז צוּלִיבּ פְּרִיוַואטֶע נְגִיעוֹת; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ זָאל עֶנְק עֶנְק נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן מַיינֶע חָכְמָה'לֶעךְ אוּן טְרִיקְס, וַוייל נָאכְדֶעם וֶועט עֶס שׁוֹין אֶפְשָׁר נִישְׁט אַרְבֶּעטְן מִיט עֶנְק... אָבֶּער אִיךְ וֶועל עֶס יָא זָאגְן.

וֶוען אִיךְ הֶער פוּן אַ מְלַמֵּד אוֹיף אַ גֶעוִויסֶער קִינְד אַז עֶר קֶען זִיךְ מִיט אִים נִישְׁט אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן, הֶער אִיךְ אִים אוֹיס, נָאכְדֶעם בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאכְדֶעם רוּף אִיךְ אָן דֶער טַאטֶע פוּנֶעם קִינְד, אִיךְ פְרֶעג דֶעם טַאטְן: **"בִּיסְט צוּפְרִידְן פוּנֶעם מְלַמֵּד פוּן דַיין זוּן?"** אוֹיבּ זָאגְט עֶר אַז עֶר אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּנֶעם מְלַמֵּד, פְרֶעג אִיךְ אִים: **"פַארְוָואס זָאגְסְטוּ עֶס נִישְׁט פַארְן מְלַמֵּד?"** פְרֶעגְט מִיר דֶער טַאטֶע: **"וָואס זָאל אִיךְ אִים זָאגְן? אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין צוּפְרִידְן"**, זָאג אִיךְ פַארְן טַאטְן: **"רוּף אָן דֶעם מְלַמֵּד, זָאג אִים אַז דַיין זוּן הָאט זֵייעֶר לִיבּ דֶער מְלַמֵּד"**, אוּן דֶער טַאטֶע רוּפְט אָן דֶעם מְלַמֵּד (אָן אוֹיסְזָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ עֶס אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט) אוּן עֶר זָאגְט פַארְן מְלַמֵּד: **"מַיין זוּן הָאט זֵייעֶר לִיבּ דֶער מְלַמֵּד, עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט אַזַא גוּטֶער מְלַמֵּד!"**

הֶערְט אַ וואוּנְדֶער, מָארְגְן רֶעדְט שׁוֹין דֶער מְלַמֵּד שַׁיין צוּם קִינְד, דֶער מְלַמֵּד הָאט שׁוֹין לִיבּ דֶעם קִינְד, אוּן דֶער מְלַמֵּד גְלֶעט אִים שׁוֹין!

## פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַ מְלַמֵּד?

לָאמִיר עֶנְק פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה, זֵייעֶר אַ צִיפֶּעדִיגֶע שְׁאֵלָה, עֶטְץ דַארְפְטְס מִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן יֶעצְט אוּן אוֹיךְ נִישְׁט הַיינְט נַאכְט, אִיךְ וַוארְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף קַיין עֶנְטְפֶער, דֶער שְׁאֵלָה זָאל יֶעדֶער 'טְרַאכְטְן' צוּ זִיךְ, מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי אִין פֶעלְד בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת.

דֶער שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ פְרֶעג עֶנְק אִיז: **"פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַ מְלַמֵּד?"** - 'וֶועגְן פַּרְנָסָה?' - עֶס זֶענֶען דָא בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסוֹת פוּן מְלוּמְדוּת! 'אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ בַּאקוּמֶען טִיפְּס (גֶעלְט-מַתָּנָה) לְכָבוֹד חֲנוּכָּה?' - מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזוֹיפִיל גֶעלְט פוּן דִי טִיפְּס, 'צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד? זִיךְ צוּ שְׁפִּירְן גְרוֹיס אַז אִיךְ הָאבּ אַ מְלוּכָה אוּנְטֶער מִיר, אוּן אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ הָאבְּן בַּאדִינֶערְס מְשָׁרְתִים, יוֹצֵר מְשָׁרְתִים אוּן אֲשֶׁר מְשָׁרְתָיו...' - וֵוייס אִיךְ נִישְׁט צִי דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן! פְרֶעג זִיךְ אַלֵיין: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַ מְלַמֵּד? וָואס וִויל אִיךְ פוּן דִי קִינְדֶער? וָואס אִיז מַיין אֶמֶת'ן אֶמֶת פַארְוָואס אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד?"**

אִיךְ הָאף אַז דֶער עֶנְטְפֶער וֶועט זַיין: 'אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען זָאגְן מִיט זֵיי מוֹדֶה אֲנִי, אוּן רֶעדְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, דִי הֵיילִיגֶע מְזוּזָה, אוּן רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן אֱמוּנָה, אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט'.

## זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע

אַוַודַאי וֶועט דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמֶען צוּ דִיר אוּן זָאגְן: **"וֶועם רֶעדְסְטוּ אַיין אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד וַוייל דוּ ווִילְסְט בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ פָּגוּם, בִּיסְט דָאךְ אַ 'אִיךְ וִויל נִישְׁט זָאגְן וָואס'..."** - זָאלְסְטוּ וִויסְן, טַאקֶע וַוייל אִיךְ בִּין אַ 'אִיךְ וִויל נִישְׁט זָאגְן וָואס' בִּין אִיךְ אַ מְלַמֵּד! אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַ רֶבִּי, דֶער רֶבִּי זָאגְט מִיר אַז דָאס אִיז דִי וֶועג, דָאס אִיז מַיין תִּיקוּן אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת, וָואס דֶען זָאל אִיךְ טוּן? פַאסְטְן קֶען אִיךְ דָאךְ נִישְׁט, וַוייל דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט פַאסְטְן, אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ טוּן, אִיךְ קֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס גֵיי אִיךְ טוּן, אוּן אִיךְ גֵיי עֶס נִישְׁט אָפְּלָאזְן פַאר קַיין אֵיין רֶגַע.

אִיךְ בִּין - וֶוער אִיךְ בִּין, אִיךְ לָאז זִיךְ נִישְׁט נַארְן פַאר קַיין אֵיין רֶגַע, אִיךְ וֶועל וַוייטֶער טוּן אַלֶע מַיינֶע תִּיקוּנִים, אִיךְ וֶועל גֵיין אִין מִקְוֶה, אִיךְ וֶועל זָאגְן דֶעם 'תִּיקוּן הַכְּלָלִי' (דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים; טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ), אִיךְ וֶועל זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ וֶועל פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אִיךְ וֶועל מַאכְן 'הִתְבּוֹדְדוּת', אִיךְ וֶועל זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, אוּן מַיין לֶעבְּן וֶועט מִיךְ אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט זִיצְן מִיט נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, לֶערְנֶען מִיט זֵיי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זַאכְן וָואס אִיךְ הַאלְט נִישְׁט דֶערְבֵּיי?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר אַרוֹיס אִין מַיין פָאסְטְן, סְפֶּעצִיעֶל בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּה יֶעדֶע וָואךְ מִיטְ'ן גִלְיוֹן "שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ", אַזוֹיפִיל גוּטֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת אִין חִינוּךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעפִירְט אַז אִיךְ זָאג פַאר דִי קִינְדֶער נָאר זַאכְן וָואס אִיךְ אַלֵיין הַאלְט דֶערְבֵּיי, אָבֶּער דָאס מַאכְט מִיר אַ פְּרָאבְּלֶעם בַּיי גֶעוִויסֶע זַאכְן וָואס אִיךְ דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער, אָבֶּער אִיךְ אַלֵיין טוּ עֶס נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ פָּאפֶּער אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זֵיי הֵייסְן טוּן אַ זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ נִישְׁט. צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען אִיךְ זָאג זֵיי מוּסָר אַז מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ אוּן נִישְׁט אַרוּמְשְׁפַּאצִירְן בַּיים דַאוֶוענֶען, מֶען דַארְף זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיים דַאוֶוענֶען, מֶען רֶעדְט יֶעצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וֵוייס אִיךְ אַז אִיךְ הַאלְט נָאכְנִישְׁט בַּיי דֶעם דֶערְוַוייל, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען אִיךְ דַאוֶוען מִיט דִי קִינְדֶער, דַאוֶוען אִיךְ שְׁטַייטְלִיךְ, אָבֶּער וֶוען אִיךְ דַאוֶוען צוּפְרִי אִין שׁוּל, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט צוּפִיל גֶעדוּלְד צוּם דַאוֶוענֶען, אִיךְ קוּם אָן שְׁפֶּעט צוּם דַאוֶוענֶען אוּן אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פְרִי, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט צוּפִיל קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיפְ'ן דַאוֶוענֶען. אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דָאס אִיז דֶערְוַוייל דִי מְצִיאוּת.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וֶועגְן דַאוֶוענֶען, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן אוֹיף אַן אֶמֶתְ'עֶ וֶועג; אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ רֶעדְן הוֹיךְ אַזוֹי וִוי צוּ מִיר אַלֵיין אַז אַזוֹי דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען, אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ צוּהֶערְן? אָדֶער זָאל אִיךְ זֵיי זָאגְן אַז אֲפִילוּ מֶען זֶעט עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן שְׁפַּאצִירְן אַרוּם בַּיים דַאוֶוענֶען, אִיז דָאס נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ שְׁלֶעכְט אַיינְגֶעוואוֹינְט, אָבֶּער דֶער אֶמֶתְ'עֶר וֶועג אִיז יָא צוּ דַאוֶוענֶען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ?

אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ דַארְף הַדְרָכָה אוֹיף דֶעם,

וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי דִי נוֹשֵׂא פוּן דַאוֶונֶען, עֶס קוּמְט כְּסֵדֶר אוֹיס בַּיי יֶעדֶע צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ דַארְף מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער אוֹיף דֶעם, אָבֶער אִיךְ אַלֵיין בִּין וַוייט פוּן דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שׁוֹבָבִי"ם, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶעד אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן תְּפִלָּה, וֶועט דָאס אוֹיךְ מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִיר. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קו) דוּרְךְ רֶעדְן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, חִיזוּק אוּן אֱמוּנָה - צוּ אַנְדֶערֶע - פּוֹעֶל'ט עֶס אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים מא, ב): "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן, "אִם לֹא יָכוֹל בְּעַצְמוֹ לָבוֹא לְגַדְלוּת הַמֹּחִין", אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט מְחַזֵק זַיין אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "עֵצָה לָזֶה", אִיז דִי עֵצָה, "שֶׁיַּשְׂכִּיל אֲחֵרִים", עֶר זָאל רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע, "וְעַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרֵר גַּם אֶצְלוֹ", דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז מְחַזֵק אַ צְוֵוייטְן - וֶועט עֶר אַלֵיינְס וֶוערְן מְחוּזָק.

דֶער עִיקָר דַארְף אַ מְלַמֵד הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי פְּרֵידָא וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עֵירוּבִין נד:), רֶבִּי פְּרֵידָא הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט אִים, מֶען הָאט אִים גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְזָאגְן פִיר הוּנְדֶערְט מָאל, רֶבִּי פְּרֵידָא מִיט זַיין גְרוֹיס סַבְלָנוּת הָאט מִיט אִים גֶעלֶערְנְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז פִיר הוּנְדֶערְט מָאל. אֵיין מָאל הָאט רֶבִּי פְּרֵידָא גֶעזֶען אַז דֶער תַּלְמִיד פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אֲפִילוּ בַּיי פִיר הוּנְדֶערְט מָאל, פְרֶעגְט עֶר אִים: "הָאִידָנָא מַאי שְׁנָא", וָואס אִיז יֶעצְט אַנְדֶערְשׁ אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט? זָאגְט דֶער תַּלְמִיד, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קָאפּ צוּ פַארְשְׁטֵיין, וַוייל אִיךְ זֶע אַז דֶער רֶבִּי יָאגְט זִיךְ צוּ גֵיין, טְרַאכְט אִיךְ אַגַאנְצְן צַייט אַז יֶעצְט גֵייט שׁוֹין דֶער רֶבִּי מִיךְ אִיבֶּערְלָאזְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קָאפּ צוּ פַארְשְׁטֵיין, הָאט רֶבִּי פְּרֵידָא אִים גֶעזָאגְט: "הַב דַעְתֵּךְ וְאַתְנֵי לִיךְ", לֵייג צוּ קָאפּ אוּן אִיךְ וֶועל דִיר לֶערְנֶען, "הֲדַר תַּנָא לֵיהּ אַרְבַּע מֵאָה זִימְנֵי", אוּן עֶר הָאט אִים נָאכְאַמָאל גֶעלֶערְנְט פִיר הוּנְדֶערְט מָאל, אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶעבְּן פִיר הוּנְדֶערְט יָאר אוּן צוּ עוֹלָם הַבָּא.

אַ מְלַמֵד דַארְף הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוְון פַאר דִי קִינְדֶער, אֵיינֶער וָואס וֶוערְט נֶערְוֶועז פוּן קִינְדֶער - טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד, אַ נֶערְוֶועזֶער מְלַמֵד קֶען מַאכְן דִי קִינְדֶער בַּעֲלֵי מוּמִין פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה זִיךְ אַדוּרְכְרֶעדְן אוֹיבּ עֶר זָאל וֶוערְן אַ מְלַמֵד, פְרֶעגְט אִים דֶער גָאוֹן: "וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט?" זָאגְט עֶר: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט", פְרֶעגְט עֶר אִים: "פַארְוָואס הָאסְטוּ דָאס אָפְּגֶעלָאזְט?" זָאגְט עֶר: "מֶען הָאט מִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בַּאגְלֵייבְּטֶער", זָאגְט אִים רֶבִּי מֵאִיר: "וֶוער נִישְׁט קַיין מְלַמֵד, אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט שֶׁחְטְ'ן קֶעלְבְּלֶעךְ וִוילְסְטוּ גֵיין שֶׁחְטְ'ן קִינְדֶער?!" זֶעט מֶען אַז צוּ זַיין אַ מְלַמֵד דַארְף מֶען זַיין אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין אַרְבֶּעט, צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט אוּן צֶעקְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט, דוּ לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים, וֶועלְן זֵיי וֶוערְן צוּפְלַאקֶערְט צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן אוֹיךְ דַיין הַארְץ וֶועט זִיךְ אָנְצִינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט וִויסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד". וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק, וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; מֶען זֶעט וִוי דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, וִויל מֶען אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק, בִּפְרַט וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר דוּרְךְ דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת משפטים תשפ"ד)

**חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג**
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
**אויף קול ברסלב**
**דרוקט: 1-2-4-2**
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876